„RADMER-KIELCER LEBEN" 23 (168) „Należytość pocztową uiszczone ryczałtem" פרייז 25 גראָשען ציטרעפר זשורנאַל

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

היינט 10 זייטל.

אדרעס
פון „ראַדאָמער-קעלצער לעבען"

Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען פרייזן!

איין מילימעטער שורה: פאַר'ן טעקסט 20 גר.
" " " אין " 40 "
" " " נאָכ'ן " 18 "
די ערשטע און לעצטע זייט צנטהאלטן 8 שפאַלטען
אין טעקסט 4 "

22-go lipca 1927 r. ראַדאָם פרייטאָג כ"ב תמוז תרפ"ז פאַר'ן אינהאַלט פון טעקסט אין די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע ניט פעראַנטוואָרטליך

Bratu **JÓZEFOWI**
z p. **EDZIĄ WAJSMANÓWNĄ**
życzymy z intencji ich zaręczyn pomyślnej przyszłości oraz wiecznego zadowolenia z życia wspólnego.
**BRACIA i SIOSTRY.**

**Józef Sztajnbok** **Edzia Wajsmanówna**
Radom Warszawa
ZARĘCZENI
13-go Lipca 1927.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער זוהן
**יוסף** מיט פרל' **עדזיע ווייסמאַן**
ווינשען מיר זיי א הערציגען מזל טוב
און דער בונד זאָל אויף עוויג דויערען
מיט גליק און צופריעדענהייט
עלטערען **שטיינבאַק.**

**Abrahamowi Musmanowi**
Z intencji Jego zaręczyn
z p. **Reginą Berlinerówną**
składa najgłębsze życzenia i pomyślności na drodze Ich przyszłości życia
**ABRAHAM ZYLBERBERG.**

צו דער פערלאָבונג פון מיין פריינד
**חיים קאַרמאַן**
מיט פרל'
**מאַניע ווינאָגראַדזקאַ** פון וואַרשא
ווינשט פיל גליק און צופרידענהייט.
**צבי פרידמאַן.**

Kol. **Leonowi RAJCHENBAUMOWI**
z intencji zaślubin Jego
z p. **LIZĄ BUDMANÓWNĄ**
szczęścia i harmonji dusz
życzą koleżanki
**IRKA i POLA.**

Z intencji zaręczyn
p. **Róży Blicherówny** z p. **Pinkusem Rozencwajgiem**
życzę im różowej przyszłości i wiecznej harmonji.
PIOTR FRYDMAN.

Z intencji zaręczyn kolegi
**Pinkusa Rozencwajga** z p. **Rózią Blicherówną**
serdeczne życzenia składa
LUDWIK GUTSZTADT.

Z intencji zaręczyn
p. **I. L. Micenmachera**
z. p. **Ewą Kluskówną**
serdeczne życzenia składają
Kielce. **S. Wajnrybówna**
**i S. Grynbaum.**

Z okazji zaręczyn kolegi
**I. L. Micenmachera**
z koleżanką **Ewą Kluską**
najserdeczniejsze życzenia składa
Marek Przysuski.
Kielce.

Z intencji zaręczyn p. **Ewy Kluskiej**
z p. **I. L. Micenmacherem**
szczere życzenia
rodzicom oraz narzeczeństwu składa
Kielce **Dr. J SZATZ.**

בברכת מזל-טוב חמה אנו מברכים את
ידידנו מר **חיים זילוני**
לרגלי בואו בברית הנשואין
עם מרת **מיניה רוזנברג.**
קילצי. **חיים זאגייסקי** ורעיתו
**יחיאל זאגייסקי** ורעיתו.

צו דער חתונה
פון אונזער בעאַמטען ה' **חיים זיעלאָני**
וואונשט אַ הארציגען מזל טוב.
**די פערוואַלטונג**
**פון דער יודישער קהלה**
אין קעלץ.

**מאַניע ראָזענבערג** **חיים זיעלאָני**
קיעלץ
**חתונה געהאַט**
דעם 15 טען יולי 1927.

בברכת מזל-טוב חמה ועתיד מזהיד על הרי יהודה אנו מברכים את ידידנו וחברנו לדעה מר **חיים זילוני** לרגלי הנשואין שלו את בחירת לבו מרת **מניה רוזנברג** ואת הוריהם אנו מברכים שיזכו לראות מהם רוב נחת, דור דעה ובנין עדי עד.
**קלמן קלוסקא** ורעיתו
מקילץ כעת בקריניצה.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר
צו דער פערלאָבונג
פון אונזער פריינד **דוד ווילק**
מיט פרל' **הענטשע יאַלאָוויטש**
**בעריל דרעחניאַני,**
קעלץ. **נטע זטמעל,**
**אליעזר ניסענקערן**

צו דער פערלאָבונג
פון אונזער פריינד **דוד ווילק**
מיט פרל' **הענטשע יאַלאָוויטש**
ווינשען מיר א הערצליכען מזל טוב
**יעקב קראַקאָויסקי,**
קעלץ. **אלי' לערער,**
**אברהם גאָלדשלעגער.**

„DLA ZNAWCÓW"
**najwyższy opatentowany gatunek gilz**
**z trzema watami oraz ustnikiem bezdrzewnym**
poleca:
*fabryka gilz i bibułek*
M. PASCHALSKI,
Radom.

NAJLEPSZE CUKIERKI
„HAZET"
LWÓW
WSZĘDZIE DO NABYCIA.

יעדער ספעציאליטעט וועט געשאפען ווערען א טורן-זאל פאר גימנאסטיק און פיזישע ענטוויקלונג מיט א ספעציעלען אינסטרוקטאר. עס ווערט אויך געשאפען ווערען א בעראטונגס שטעלונג פאר מוטערס און זויג קינדער און א ער-נעהרונגס פונקט פאר ארימע אפגעשוואכטע קינדער.

## פון דער קהלה.

ביז יעצט איז נאך דער בודזשעט פאר'ן יאהר 1927 נאך נישט ערלעדיגט געווארען. עטליכע מאהל זענען שוין צוזאמענגערופען געווארען זיצונגען פון ראט דעם בודזשעט - ענין צו בעטראכטען אבער אהן רעזולטאט. דערווייל האט די גמינע חיבות און צאהלט דערפון פראצענטס און דאס שכירות פאר די בעאמטע ווערט אויך נישט רעגולער אויסגעצאהלט.

און דאס אלעס וואלט געקענט אויסגעמיטען ווערען ווען דער בודזשעט זאל אויסגעארבייט ווערען און מען זאל קענען צוטרעטען איינצונעהמען דעם עטאט.

די פרנסים צופאהרען זיך דערוויל אויף אורלויב און די פראגע אויב זי וועט נישט די טעג ערלעדיגט ווערען וועט ווידער אבגעלעגט ווערען אויף א לענגערען טערמין.

עס וואלט דעריבער געווען געווינשען, אז דער ראט זאל זיך ענדליך צוזאמענקומען און דעם בודזשעט בעשטעטיגען.

## כ' חמוז אין קעלץ.

מיטוואך אין טאג פון דער 23-ער יאהרצייט פון אונפערגעסליכען ציוניסטישען מנהיג הערצל איז אין דער שטאדט-שוהל פארגעקומען א פייערליכע אזכרה, וועלכע האט צוגעצויגען א גרויסען עולם. דער חזן האט געמאכט א אל מלא רחמים און צוזאמען מיט'ן כאר געזאגט עטליכע קאפיטלעך תהילים און דערנאך האט ה' ציטרין געהאלטען א רעדע איבער דעם ציוניסטישען פיהרער. מיט'ן אבזינגען דורכ'ן כאר „התקוה" איז די הזכרה פערענדיגט געווארען.

## די שטאדט-ראט וואהלען אין יענדזשעיוב.

פאריגען זונטאג זענען פארגעקומען די שטאדט-ראט-וואהלען אין יענדזשעיוב. יודישע ליסטעס זענען ארויסגעשטעלט געווארען 9 אין צוליב דעם זענען געגאנגען לאביד 2 יודישע מאנדאטען.

דער רעזולטאט איז: 17 קריסטען און 7 יודען. דערפון 2 ארטאדאקסען, 2 אונפארטייאישע, 1 מזרחי, 1 האנדווערקער און 1 פון אנ'אינדיווידועלער ליסטע.

ס'איז כדאי צו בעמערקען, אז ליסטעס יורישע איז געווען מעהר ווי די צאהל מאנדאטען.

## פייערליכע פערענדיגונג פון שול-יאהר אין חדר „מזרחי".

פאריגען מיטוואך זענען פארגעקומען די עקזאמענס אין חדר „מזרחי". צו די עקזאמענס זענען איינגעלאדענט געווארען דער קעלצער רב ראפאפארט און די חשובי העיר.

די קינדער זענען געווארען עקזאמינירט דורכ'ן רב פון תנ"ך און תלמוד. די ידיעות פון די קינדער אין אלע געגענשטאנדען האבען געמאכט אויף אנוועזענדע געסט א שטארקען איינדרוק.

צומארגענס איז פארגעקומען די פייערליכע פערענדיגונג פון שול-יאהר אין דער אנוועזענהייס פון עטליכע צענדליג איינגעלאדענע געסט.

געעפענט די פייערונג האט ה' פינקלער, וועלכער האט אנגעוויזען אויף די שוועריגקייטען, וואס האט געהאט צו בעקעמפען דער ועד החדר אין ערשטען שול-יאהר און געווענדעט זיך מיט אנ'אפעל צו שטיצען דער איינציגער רעליגיעזער - מאדערנער שול-אנשטאלט אין קעלץ.

ה' קשענסקי האט רעפערירט איבער דער ערציהונג-פראגע ביי יודען און צום סוף זיך געווענדעט אויף העברעאיש צו די שילער.

עס זענען אויסגעפיהרט געווארען עטליכע העברעאישע און פוילישע דעקלאמאציעס דורך די שילער, וואס האבען מיט זייער לעבעדיגער העברעאישע שפראך פערשאפט די אנוועזענדע א נחת-רוח.

נאכדעם האבען נאך גערעדט דער מנהל פון דער שולע ה' גילעווסקי און דער לעהרער ג"ינקא און ה' פינקלער האט געשלאסען די פייערונג.

ס'א'ז כדאי צו בעמערק'ן, אז דאס חדר „מזרחי", וועלכער איז געעפענט געווארען אין פאריגען יאהר א דאנק דער אינערמידליכער ארבייט פון עטליכע איבערגעגעבענע כלל-טוער מיט דעם ה' פינקלער בראש, פערשאפט זיך וואס א מאהל מעהר סימפאטיע ביי דער היגער יודישער בעפעלקערונג א דאנק דעם לעה-פראדגאם, וואס געפינט זיך אויף זעהר א הויכען ניווא.

## א אונטערגעווארפען קינד

פאר'ן הויז אויף אלטע ווארשאווער 2 האט מען פאריגע וואך געפונען א קינד אין עלטער פון 6 וואכען פון ווייבליכען געשלעכט.

דאס קינד איז איבערגעגעבען געווארען אין א פינדעל-הויז.

## זעלבסטמארד

אין באדזענטין איז בעגאנגען זעלבסטמארד דורך אויסטרינקען א גרעסערע דאזע עסיג-עסענץ די 24-יעריגע פרל' זיגאדלאוויק.

די סיבה — אנ'אומגליקליכע ליעבע

## א יודישער וויצע-פרעזידענט אין קעלץ...

אין דעם היגען „סלאווא קעלעצקע" האט זיך בעוויזען א נאטיץ, אין וועלכען עס ווערט בעצייכענט די הכנות וואס מיר נעמען אן אין צוזאמענהאנג מיט די וואהלען צום שטאדט-ראט. גלייכצייטיג ווערט דערמאנט אז מיר האבען זאגאר צוגעגרייט א אייגענעם וויצע פרעזידענט דעם ביז יעצטיגען לאווניק ה' רייזמאן. עס וואלט בכלל נישט געווען קיין שלה ווען עס זאל זיין אמת.

בעקאנטמאכונג.

די בוכהאלטעריע און ביטשריפט-ביורא פון ב. גורסקי קעלץ, לאנגע 1 (נעבען לינת הצדק) ערמעגליכט יעדען סוחר, פאבריקאנט און בעל-מלאכה דאס אליינפיהרען בוכהאלטעריע, וועלכע זאל אנערקענט ווערען דורכ'ן שטייער-אמט און קענען געניסען פון אלע הנחות. ווי אייך רעדאגירט ביטעס, רעקורסען. פאדאניעס אין אלע אינסטיטוציעס געוויסענהאפט און יורידיש אויסגעהאלטען פאר ביליגע פרייזען.

בעסטע שיפס קאמוניקאציע צווישען פוילען און קאנאדע

„באלטיק-אמעריקא-ליין"

עמיגראציע — ענינים ערלעדיגט

ביורא „יוס"

קעלץ, פילינסקי גאס 8 №









די נייעסטע און שעהנסטע

„טאפעטען"

אויף צימער-טאפעטירונג

בעדייטענד ביליג, פערקויפט

ש. שטיינמאן

ראדאם, לובלינער 21 №

ביטע זיך צו ערקונדיגען!

געבויגען אין טיעפען צער שטעהען מיר ביים פרישען קבר
פונ'ם אזוי יונג פערשטארבענעם איבערגעגעבענעם פריינד און חבר

# אברהם פישער נ"ע

און בעוויינען זיינע בליהענדע יאהרען.
וואס זענען אינטערגעהאקט געווארען פון אכזריות'דיגען טוידט.
לזכרון נשמתו און צו פעראייביגען זיין נאמען פלאנצען מיר צוויי בוימער אין יער הערצל.

**רעדאקציע, אדמיניסטראציע**
**און זעצער=פערסאנאל**
**פון „ראדאמער-קעלצער לעבען"**

---

דעם פרעזעס ה' ישכר אדלער
צוליבן טויט פון זיין ליבען פאטער

# יהודה ליב אדלער נ"ע

דריקען מיר אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.
ד' ינחם אותו בתוך אבלי ציון וירושלים.

**די פערוואלטונג און סעקרעטאר**
**פון דער לעדער=סעקציע ביים סוחרים פעראיין**
**אין ראדאם.**

---

די פערוואלטונג פון האנטווערקער קלוב
דריקט אויס איר טיפן מיטגעפיל דעם ה' ש. ראזענבערג
צוליבן פריצייטיקן טויט פון זיין טאכטער

# גאלדע ע"ה

---

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פאמיליע
ראזענבערג צוליב'ן פריצייטיגען טויט פון זייער געליבטע טאכטער

# גאלדע

גאט זאל זיי טרייסטען.
„חברה אהבת רעים".

---

דעם מיטגליד פון ראט פון דער קאאפעראטיווע האנטווערקער באנק
ה' ש. ראזענבערג דריקן מיר אויס אונזער מיטגעפיל
צוליבן פריצייטיקן טויט
פון זיין טאכטער

# גאלדע ע"ה

**די פערוואלטונג און ראט**
**פון דער קאאפ. האנט. באנק**
אין ראדאם לובלינער 31.

---


# Dr med. F. ŻABNER

**akuszerja, chor. kobiece**
**RADOM, LUBELSKA 33**
**p o w r ó c i ł.**


---


טעאטער „ראזמאיטאשטשי"
ראדאם.

שבת ד. 23 און זונטאג ד. 24 יולי 9 אווענד
נאר 2 גאסטראלען
פון ערשטען ווארשאווער יודישען מיניאטור=טעאטער

# אזאזעל

מיט'ן אנטייל פון
די קינסטלער

## אלא לילית,
## וול. גאדיק,
## מ. קלייז, ל. זעלמאז

שלאגערס פון אלע 5 פראגראמען
קאנפערענסיער וול. גאדיק    דיר. אדמ. ר. טארנער
אינספ. ק. קאדימאוו.

בילעטען פריהער צו בעקימען אין סקלאד=אפטעטשנע
פון ה' צימערמאן לובלינער 11 און אין טאג פון
דער פארשטעלונגען ביי דער קאסע פון טעאטער.



וול. גאדיק

---

ההסתדרות הציונית ברדום
מבכה ביחד עם משפחתו את האבדה
הגדולה במות חברנו

# אברהם פישר נ"ע

שנקטף שלא בעתו. בתחית עמנו
וארצנו ימצאו תנחומים.

---

Głęboko dotknięty bolesną i przedwczesną śmiercą

b. p. **ABRAMA FISZERA**

wyrażamy najgłębsze współczucie **Żonie i Rodzicom.**
Cześć Jego pamięci.
Rodzina **Goldak**, Lublin.

---


Kino „CORSO" w Radomiu.

Od Czwartku 21 do Niedzieli 24 lipca
**Wielki Szlagier sezonu!**

# KOBIETA SZPIEG

Potężny dramat z czasów wojny światowej w 12-tu dużych aktach.


---

# אויפקלערונג.

דערמיט ערקלער איך, אז מיט מיין אויסדרוק אין סוחרים = פעראיין, ווי אויך אין א פערזענליכען געשפרעך מיט'ן דיר. פ. פרענקעל, אז ער איז מעהר פעראינטערעסירט פאר דער מאניפאקטור=בראנזשע, ווי פאר דער שוך=בראנזשע, בין איך נישט אויסען געווען קיין פערזענליכע בעליידיגונג, אדער וועלכען ס'איז אנדערען פערדעכטיגען מיין, נאר פשוט אהן שום טענדענצען. אז ער לעגט מעהר אויפמערקזאמקייט אויף דער מאניפאקטור=בראנזשע, ווי אויף דער שוך = בראנזשע. אין פאל אבער, ווען דער דיר. פ. פרענקעל בעטראכט אפילו אויך דאס פאר א בעליידיגונג, בעט איך איהם איבער און ערקלער נאך אמאל, אז איך האב מיט מיין אויסדרוק נישט געציעלט צו ווארפען דעם מינדעסטען חשד אויף צו שאדענגען זיין רעפוטאציע.

**ב. ניימאן.**

---

# ה' א. ראזענבערג לובלין.

אין צוזאמענהאנג מיט אייער ההראה אין ציישונג פון פאריגע וואך, נישט איינצוגיין אין קאנטאקט מיט אונז, און אונזער איילפאבריק, וועלכע איהר רופט אזוי אונפערשעמט אן אלס אייער אייגענטום, פאדערען מיר אייך אויף לדין, ווייל מיט אייער האלטונג, אלס דריטער שותף, לאזט איהר אונז נישט ארבייטען אין אונזער פאבריק, אין דער צייט, וואס מיר האבען נישט קיין אנדערע פרנסה און איהר האט אין לובלין יא פרנסה. און צוליב דעם, האט איהר דעם מוט אונז צו שטעלען אזעלכע שווערע בעדינגונגען, אויף וועלבע מיר וואלטען מיט אונזערע 68% פון אייך אויך מעהר נישט פערלאנגט.

מיר טאדלען אייערע אויסדריקען, וועלכע איהר בענוצט אין נאמען פון יושר און גערעכטיגקייט, און מיר פערלאנגען פון אייך א טערמין, אויף ווען איהר וועט זיך שטעלען לדין אין ראדאם.

**אברהם יצחק ווייסבארד, זלמן קאצמאן ראדאם**

Redaktor i wydawca Ch. M. Herc
Odbito we własnej drukarni, Radom, Szwarlikowska 20.